# אשי ישראל השלם



## אידיש



כ"ז

# קדושת הברית

(השואל; רבי ישראל פלעגט רעדן פון שמירת הברית, פון קדושה זאכן?) וואס רעדסטו?! ער האט גערעדט - בקדושה ובטהרה, וברמז. און אזוי ווי ס'איז געווען ברמז - האט עס ארייגעזעצט אין הארץ! עס איז געווען אזעלעכ'ס וואס איז געווען - - נישט אפן, נאר 'סתום וגליא', מיט אזא מין קדושה וטהרה!

מ'קען דאך באקומען חלישות הדעת, אז מ'ווייסט אז מ'איז ווייט פון דעם. זיינע דיבורים זענען געווען - אי ער האט מיר מודיע געווען די חסרונות, דאס התרחקות, - און אין דעם איז געווען כלול אזא מין התחזקות! אזעלעכ'ס!

דאס איז נאך געווען שטארקער ווי אז מ'רעדט. אז מ'רעדט ברמז איז עס שטארקער נאך ווי אז מ'רעדט באיתגליא, ס'האט א גרויסן כח! דער רבי האט געזאגט אין די סיפורי מעשיות; אז וואס מער ס'איז בהעלם האט עס א גרעסער'ן כח! ער האט געזאגט אז ער זאגט אמאל עפעס רמזים פון די מעשיות פון פסוקים, איז דאס נאר כדי מ'זאל וויסן אז דאס איז

נישט סתם קיין מעשה. אזוי איז אויך דאס, להבדיל, חלילה - ס׳נישט קיין דוגמא, אבער אזוי איז עס - דער הייליגער רבי האט געזאגט; אז ס׳איז בהעלם האט עס נאך א גרעסער׳ן כח!

איך געדענק אז ס׳האט געשיינט, כ׳האב פארשטאנען וואס ער רעדט. ס׳איז געווען בהעלם - און ס׳האט געשריגן קולי קולות...

דאס איז דאך דער עיקר רבי׳נס זאך! פרעגסט אזא מין זאך וואס דעם גאנצן רבי׳נס זאך איז אויף דעם?! דעם גאנצן עיקר רבי׳נס זאך איז אויף דעם - מ׳זאל זוכה זיין!

ביי די וועלט, אפילו ביי די פרומע וועלט איז - אז דער רבונו של עולם האט אזוי באשאפן די וועלט, דארף זיך אזוי מתנהג זיין... דער הייליגער רבי זאגט אין די מעשה פון די בעל תפלה, פון די כת וואס האבן געמאכט די בת מלכה פאר א מלך, זיי זענען שוין געווען אזוי אריינגעטוהן אין דער תאוה, אז ס׳איז געווארן ביי זיי ווי א היתר, אז דאס איז די וועלט אזוי! נאר דער הייליגער רבי - ביי איהם ווערט מען געוואר וויאזוי מען דארף זיין א איד, וויאזוי מען דארף זיך מתנהג זיין בקדושה ובטהרה,

און וויאזוי מען דארף בעטן דעם אייבערשטן דערויף! און וויאזוי מען דארף האבן מסירת נפש דערויף! אז מען זאל זוכה זיין צו וויסן, צו האבן דעת, שכל - - דאס איז א געוואלדיגע חכמה, א געוואלדיגע דעת, - אז מען זאל זוכה זיין אין די וועלט צו לעבן אזוי ווי מען דארף!

למשל - איך בין געווען א שכן ביי רבי ישראל, האב איך געזעהן זיין לעבן, האב איך געזעהן - ס'איז נישט געווען שייך צו זאגן - ער האט געהאט צוויי צימערן, א צימער וואס מ'האט געגעסן דערין, און ער איז דארטן געשלאפן. און זי האט געהאט נאך א צימער, און אין איר צימער האט ער נישט געהאט קיינמאל קיין שייכות...

ס'איז נישט געווען אזא לעבן ווי דער וועלט לעבט אזוי - טאקע בכשרות, נאר וואס דען, אזוי - מ'איז נישט משים לב. ער האט געלעבט א לעבן פון קדושה וטהרה, מיט'ן עסן מיט'ן טרונקען, מיט'ן דאווענען, און מיט אלסדינג! און דאס איז דאך דער עיקר - דער ענין פון שמירת הברית, דאס איז נאך מער פון אלסדינג!

*

געלויבט דער אייבערשטער - איך האב זוכה געווען צו זיין תמיד אינאיינעם מיט רבי ישראל׳ן, מתוך גרויס אהבה. כ׳האב ליב געהאט צו הערן יעדע דיבור, יעדע רגע וואס איך בין געווען מיט איהם האב איך אלץ געהאט ריוח. עס איז געווען א השפעה, א מין הייליגע השפעה צו זיין דארטן אליין מיט איהם.

כ׳האב געזעהן אין וואס דער מוח ליגט תמיד, מ׳זעהט נישט אין דער וועלט אזעלעכ׳ס! נישט אומזינסט האב איך - געלויבט דער אייבערשטער, ברוך השם, כ׳האב נישט געקוקט אויף קיינעם! אויף די גרעסטע! כ׳האב געליטן אלסדינג, און כ׳האב מיך געהאלטן! וויאזוי?! כ׳האב געזעהן אזעלעכ׳ס - דעם אמת, אזא מין אמת!

און ביי דער וועלט, אפילו ביי דער פרומער וועלט, חסידים, איז דאס א שגעון - - נאר עולם הבא?! נאר דער תכלית?!... און וואו איז ערגעץ געלט?! און וואו איז ערגעץ די וועלט?!...

מ׳דארף אלע זיבעציג יאר פאהרן, זוכן, אז מ׳זאל געפונען - - דער הייליגער רבי זאגט עס - אז מ׳זאל זעהן אזא מענטש, אזעלעכ׳ס. און דער אייבערשטער

האט מיר געהאלפן, כ׳האב זוכה געווען, מתוך האמת, מתוך מסירת נפש, מתוך אזא מין השפלה, מתוך אזא מין לעג וקלס, אזא וואס מ׳קען זיך גאר נישט פארשטעלן אין מוח!

* * *